# שייטל פראבלעם ווערט אלוועלטליך ווען רבנים ווארענען אז אלע נאטורליכע שייטלען זענען אונטער פראגע צייכן

ירושלים — דער טומעל ארום דעם שייטל פראבלעם איז געווארן אלוועלטליך, נאכדעם ווי די רבנים שליט"א אין ארה"ק זענען ארויסגעקומען מיט א פסק אז נישט בלויז די שייטלען וועלכע שטאמען פון אינדיע זענען אין די קאטעגאריע פון תקרובת ע"ז, נאר אויך די שייטלען וועלכע ווערן פראדוצירט אין אנדערע לענדער, ווי קארעא און כינע, און אפילו אין אייראפע, זענען אונטער א פראגע צייכן אז אפשר איז דעריין אריינגעמישט געווארן האר פון די הינדו געצנדינערייי צענטער אין אינדיע.

ס'איז זייער שווער אין ראם פון א באגרעניצטן צייטונג באריכט צו באריכטן אויף די שטורמישע וואך וואס דאס יהדות החרדית בארה"ק — ווי דאס חרדישע אידענטום אין אמעריקע, אייראפע און אנדערשוואו — האט איבערגעלעבט, זינט'ן ערשטן פסק פון הגאון האדיר הגר"ש וואזנער שליט"א, וועלכער האט געשריבן, ל"ג בעומר, אז פון היינט און ווייטער זאלן די וועלכע האבן שייטלען פון אינדיע, זיך נישט באנוצן דערמיט, אזש ביז היינטיגן דינסטאג נאכט, ווען דער ראב"ד העדה החרדית הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א, ובית דינו שליט"א, האבן ארויסגעגעבן א פרישן קלארן פסק דין, נעמליך קעגן די וועלכע האבן פרובירט טענה'ן אז אין געוויסע ערטער אין אויסלאנד וואו רוב פון די שייטלען קומען נישט פון אינדיע, קען מען זיך בדיעבד פארלאזן אויפ'ן כלל פון כל דפריש מרובא פריש, וואס מיינט אז מען קען אננעמען אז דאס שייטל וואס מען האט אין די הענט שטאמט פון די מערהייט, וואס זענען נישט פון אינדיע. דערויף שרייבט דער ראב"ד שליט"א אז דאס איז א טעות, ווייל וויבאלד דער חשש איסור (נעמליך די אינדיאנער האר) קאסט פיל ביליגער ווי אייראפעער האר, גילט דערויף נישט דער כלל אז כל דפריש מרובא פריש.

מען האט אויך ארויסגעקוקט מיט גרויס אינטערעסע אויף די וויכטיגע אסיפה וואס איז פארדופן געווארן אין ניו יארק דורך די התאחדות הרבנים, אויף די וואך מיטוואך, וואו די חשוב'ע רבנים שליט"א וועלן הערן רעפעראטן פון זייערע שליחים און פון מומחים וועלכע זענען שוין עוסק אין דעם זינט דער פראבלעם איז אנטשטאנען, און מען וועט דן זיין איבער דעם בכובד ראש, קלארצושטעלן דעם מצב, בעזהי"ת.

*

ווי ערווענט, איז הגאון האדיר הר"מ שטערנבוך שליט"א ראב"ד העדה החרדית, געוועזן דער ערשטער

# ניו יארק צווישן 5 מעגליכע שטעט פאר אלימפיקס שפילן אין 12'

גענף. — ניו יארק סיטי איז אריינגעקומען אין די ענדגילטיגע פאזע פון מעגליכע שטעט וואו עס וועט אפגעהאלטן ווערן די אינטערנאציאנאלע אלימפיקס שפילן אין זומער פון 12', צוזאמען מיט 4 אייראפעאישע הויפטשטעט: לאנדאן, מאדריד, מאסקווע און פאריז.

דער עקזעקוטיוועור באורד פון די אינטערנאציאנאלע אלימפיק קאמיטע אין שווייץ האט ביי א זיצונג, מאנטאג, ארויסגענומען 4 אנדערע שטעט פון באטראכט, האוואנא, איסטאנבול, לייפציג און ריא די זשאַנעראָ. אצינד וועט מען אויסקלויבן איינס פון די 5 פארבליבענע שטעט ביי א זיצונג אין סינגאפאר, יולי 6, 05'. די שפילן ברענגען גרויס פרעסטיזש און טוריזם געלטער פאר די שטעט וואו עס ווערט אפגעהאלטן.

דער ניו יארקער געהילף מעיאר דעניעל דאקטאראף, וועלכער איז דער אנפירער פון די שטאט'ס אלימפיקס אפליקאציע, האט פערזענליך טייל־גענומען ביי די מעלדונג אין שווייץ. דינסטאג אינדערפרי איז אפגעהאלטן געווארן א פייערליכע צערעמאניע אין ברייענט פארק אין מאנהעטן, מיט די באטייליגונג פון גאווערנאר פאטאקי און מעיאר בלומבערג, וועלכע באטראכטן אפילו די פאזע אויסוואל

(פארזעצונג אויף זייט 83)

# פינף פארדעכטיגטע ארעסטירט פאר קאנאדער ת"ת פייער ערב פסח

מאנטרעאל. — די פאליציי האט פאריגע וואך פרייטאג פארטאגס ארעסטירט פינף פארדעכטיגטע אין אונטערצינדן די תלמוד תורה געביידע אין די נאכט פון ערב פסח פון וואס קיינער איז צו מזל נישט געשעדיגט געווארן, ווייל ... ערמארדן שייך אכמעד יאסין, דער פירער פון כאמאס, וועלכער איז גע'הרג'ט געווארן אין א מיסיל אטאקע אויף זיין קאר, אין עזה.

יענער אנטיסעמיטישער אקט האט באאומרואיגט די אידישע געמיינדע יום טוב, און עס האט זיך אנגע...

# כאמאס וויל נישט פייער אפשטעל טראץ מדינת ישראל אקציעס

דמשק. — דער "כאמאס" פאליטישער פירער קהאליד מעשאל האט מאנטאג צוריקגעוויזן א פייער־אפשטעל פארשלאג פון די פאלעסטינער אויטאריטעט, דערקלערנדיג אז מדינת ישראל פירט אן אן "אויסראטונג מלחמה" קעגן זיין פאלק, און "אונזער אויסוואל איז צווישן טויט און טויט, ווייל די וועלט האט אונז נישט איבערגעלאזט קיין אנדערן אויסוואל".

אין אן אינטערוויו פון א וואוינונג אין דמשק, האט מעשאל זיך באקלאגט אז מדינת ישראל פארניכטעט לעבנס און באדענס, און די גאנצע וועלט קוקט עס צו און טוט גארנישט. ער האט צוגעלייגט, אז עס איז נישט שכל'דיג אז מען רעדט אפילו פון א פייער־אפשטעל אין שאטען פון די אגרעסיע, ווען מען זעט נישט קיין אנדייטונגען איבער אן ענדערונג אין די מדינת ישראל און אמעריקאנער שטעלונגען.

ער האט אפגעווארפן די מיינונג אז די רעדוקציע פון פאלעסטינער זעלבסטמארד אטאקעס ווייזט אז כאמאס האט לעצטענס פארלוירן די מעגליכקייטן דורכצופירן אזעלכע אטאקעס, באטאנענדיג אז דאס איז פארבינדן מיט די "פראבלעמען אויף דער ערד", דורך א צייטווייליגן אויסערגעווענליכן מצב וואס די מדינת ישראל אַרמיי האט אונטערגענומען.

ער האט אויך אוועקגעמאכט די אפשאצונג אז כאמאס איז ערנסט פאראליזירט געווארן דורך די אטענטאטן פון אירע פירער, שייך אכמעד יאסין און אבדול אזיז ראנטיסי, דערקלערנדיג: די היסטאריע ווייזט אז די אפשאפונג פון פירער פארשטארקט בלויז דעם גייסט פון ווידערשטאנד, אנשטאט פארקערט.

(פארזעצונג אויף זייט 46)

# מדינת ישראל שארף קריטיקירט איבער מלחמה פארברעכענס

ירושלים. — די באוואוסטע מענטשן רעכט גרופע "אמנעסטיע אינטערנאציאנאל" האט באשולדיגט אין איר באריכט וואס איז פארעפענטליכט געווארן דינסטאג, אז מדינת ישראל איז שולדיג אין מלחמה פארברעכענס מיט'ן פארניכטן טויזנטער פאלעסטינער הייזער אין די אקופירטע שטחים פון מערב ברעג און עזה.

דער פרישער באריכט איז פארעפענטליכט געווארן אין דער צייט ווען מדינת ישראל איז פארנומען געווען מיט איר פרישע אקציע אין רפיח

(פארזעצונג אויף זייט 73)

# פאועל טאדעלט אראבער איבער שוואכע רעאקציע צו בערג'ס מארד

אמאן, ירדן. — סעקרעטערי אוו סטעיט קאלין פאועל האט זונטאג געטאדעלט די אראבישע רעגירונגען פאר נישט אויסדרוקן מער אויפברויז איבער'ן ווידעאטעיפ וואס האט ...

קלאר געמאכט פאר די אראבישע פירער אז די פייניגונגען פון די ארעסטאנטן איז אומאננעמבאר, אבער פארט איז ער שטארק אנטוישט אז זייערע פארדאמונגען פון בערג'ס

# פינף פארדעכטיגטע ארעסטירט פאר קאנאדער ת"ת פייער ערב פסח

מאנטרעאל. — די פאליציי האט פאריגע וואך פרייטאג פארטאגס ארעסטירט פינף פארדעכטיגטע אין געאונטערצינדן די תלמוד תורה ביידע אין די נאכט פון ערב פסח פון וואס קיינער איז צו מזל נישט געשעדיגט געווארן, ווייל דער בנין איז דאן געווען ליידיג, אבער די פייער באמבע האט פארניכטעט דעם אוצר הספרים. א צעטעלע איז דארטן איבערגעלאזט געווארן אויף די פראנצויזישע שפראך, ערקלערנדיג אז דאס פייער איז געווען א נקמה אקציע פאר מדינת ישראל'ס ערמארדן שייך אכמעד יאסין, דער פירער פון כאמאס, וועלכער איז גע'הרג'ט געווארן אין א מיסיל אטאקע אויף זיין קאר, אין עזה.

יענער אנטיסעמיטישער אקט האט באאומרואיגט די אידישע געמיינדע יום טוב, און עס האט זיך אנגעזען א פארשטארקטע פאליציי וואך אוי די אידישע גאסן, איבערהויפט ביי די בתי מדרשים. איצט אז מ'האט ענדליך ארעסטירט די פארדעכטיגטע, האט דאס אביסעלע בארואיגט די געמיינדע, ווייל עס ווייזט אז די

(פארזעצונג אויף זייט 6)

# ריזיגע דעמאנסטראציע פארלאנגט מדינת ישראל'ס ריקצוג פון עזה

תל אביב. — א ריזיגע דעמאנסטראציע איז אפגעהאלטן געווארן פאריגן מוצ"ש אין תל אביב, אין "ראבין סקווער", (דאס צענטראלע פארזאמלונג פלאץ וואו דער דעמאלס'דיגער פרעמיער מיניסטער יצחק ראבין איז געשאסן געווארן און דאס פלאץ האט דערנאך באקומען זיין נאמען) צו פראטעסטירן קעגן די מדינת ישראל אנוועזנהייט אין עזה, מיט פארלאנגען אז מדינת ישראל זאל ווי פריער ארויסגיין פון דארט. די פארזאמלונג איז פארופן געווארן דורך די אפאזיציע ארבייטער פארטיי, און עס איז געווען מערקווירדיג אז די אפאזיציע שטיצט איצט דעם פרעמיער מיניסטער וועלכער איז פון די אנדערע פארטיי, אזוי ווי אריק שרון האט דאך געמאלדן א פלאן ארויסצוגיין פון עזה, נאר דער פלאן איז אפגעווארפן געווארן דורך די ליכוד מיטגלירערשאפט, ביי א רעפערענדום אפשטימונג.

די גרויסע דעמאנסטראציע — מיט שאצונגען פון 100 ביז 150 טויזענט באטייליגטע — איז געווען איינע פון די גרעסטע דעמאנסטראציע וואס איז פארופן געווארן דורך די שלום אקטיוויסטן, זינט ראבינ'ס טויט, און די ארגאניזירער האבן געהאפט אז דאס וועט אויפלעבן די אפגעשוואכטע אפאזיציע, און אויך אז עס וועט העלפן באנייען די שלום געשפרעכן מיט די פאלעסטינער, וואס זענען שוין חדשים פארהאנקערט.

איין גרויסער טאוועל העכער די פלאטפארמע האט געלויטעט: ארויס פון עזה, הויבט אָן רעדן. מ'האט אויך געזען טעוועלעך ביי דעמאנסטראנטן מיט שטיצע אויסדריקן פאר שרון, און דער אפאזיציע פירער שמעון פערעס האט אין א פייערדיגע רעדע דערקלערט: דאס איז א פראעסטעט פון די מאיאריטעט. 80 פראצענט פון אונזער פאלק וויל שלום. איין פראצענט פרובירט דאס צו שטערן.

צווישן די אנדערע רעדנער זענען אויך געווען עמי אילון, א געוועזענער "ש.ב." דירעקטאר, און יום טוב סאמיא, א געוועזענער מיליטערישער

(פארזעצונג אויף זייט 60)

הרבנים, אויף די וואך מיטוואך, וואו די חשוב'ע רבנים שליט"א וועלן הערן רעפעראטן פון זייערע שליחים און פון מומחים וועלכע זענען שוין עוסק אין דעם זינט דער פראבלעם איז אנטשטאנען, און מען וועט דן זיין איבער דעם בכובד ראש, קלארצושטעלן דעם מצב, בעזהי"ת.

*

ווי ערוועגט, איז הגאון האדיר הר"מ שטערנבוך שליט"א ראב"ד העדה החרדית, געווען דער ערשטער ארויסצוקומען אין די עפענטליכקייט נאך דעם פארגאנגענעם חוהמ"פ, אז ס'איז פאראן אן ערנסטע שאלה פון תקרובת ע"ז ביי די שייטלען וועלכע שטאמען פון אינדיע, אבער דאן האט דער גאב"ד הגרי"ט ווייס שליט"א באהויפטעט אז מען מוז שיקן א פערזענליכן שליח, וואס זאל זען פון דער נאענט דעם הלוך ילך אין אינדיע, און נאר לויט דעם זאל מען ארויסגעבן א פסק.

אינצווישן האט הגאון האדיר הר"ש הלוי וואזנער שליט"א, אב"ד ור"מ זכרון מאיר, באקומען אינפארמאציע איבער די געפירעכץ אין טירופאטי, אינדיע, פון א געוויסן משגיח כשרות וועלכער פארט געווענליך ארום אין יענע געגענטער אין אינדיע פאר השגחה צוועקן, און געבויט דערויף, איז הרב וואזנער שליט"א ארויסגעקומען פאריגע וואך מיט זיין פסק אז מען זאל פרובירן בייטן די שייטלעך אויף מער זיכער אויסגעהאלטענע (טראצדעם וואס ער באטאנט אז מען קען אפשר מקיל זיין).

די גאונים וצדיקים רבני העדה החרדית, האט באשטימט א זיצונג אויף פאריגע וואך דאנערשטאג פארנאכטס, אין וועלכן הרב אהרן הלוי דונער שליט"א, דער שליח

(פארזעצונג אויף זייט 80)

דער סקול בודזשעט פאר'ן איסט ראמאפא דיסטריקט איז דינסטאג אנידערגעשטימט געווארן, 4,693 צו 3,826, אבער די 3 חרדישע קאנדידאטן האבן פארלוירן, איינער פון זיי מיט בלויז 44 שטימען! □

* * * * *

איז שולדיג אין מלחמה ...
כענס מיט'ן פארניכטן טויזנטער

(פארזעצונג אויף זייט 73)

# פאועל טאדעלט אראבער איבער שוואכע רעאקציע צו בערג'ס מארד

אמאן, ירדן. — סעקרעטערי אוו סטעיט קאלין פאועל האט זונטאג געטאדעלט די אראבישע רעגירונגען פאר נישט אויסדרוקן מער אויפברויז איבער'ן ווידעאטעיפ וואס האט געוויזן ווי אזוי דער אמעריקאנער בירגער ניקאלאס בערג ווערט ברוטאל ערמארדעט אין איראק.

פאועל האט אין די זעלבע פרעסע קאנפערענץ פארשפראכן אז מען וועט נעמען שריט קעגן די אמעריקאנער טורמע וועכטער און אנדערע וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאר די ארעסטאנטן־פייניגונגען וואס האט געצויגן אלוועלטליכע פארדאמונגען. ער האט אנערקענט, "מענטשן זענען אנטוישט אין אמעריקע, אבער יוסטיץ וועט געטאן ווערן".

ער האט געזאגט אז ער האט קלאר געמאכט פאר די אראבישע פירער אז די פייניגונגען פון די ארעסטאנטן איז אומאננעמבאר, אבער פארט איז ער שטארק אנטוישט אז זייערע פארדאמונגען פון בערג'ס מארד איז נישט געווען אזוי שטארק ווי זייערע אטאקעס אויף אמעריקע איבער די ארעסטאנטן־פייניגונגען.

ווי שוין באריכטעט, אין א מער אויספירליכע באשרייבונג, (זעט זייט 8), האט די "סי. איי. עי." אירענטיפיצירט בערג'ס הויפט מערדער אלס אבו מוסאב על־זארקאווי, און און מען האפט איצט אז דאס וועט העלפן אים אנטדעקן. גענעראל מארק קימיט האט געזאגט אז עס וועט פילייכט דויערן א ווייל, אבער עווענטועל וועט על־זארקאווי געכאפט ווערן.□

## וועטער באריכט

**מיטוואך, מעגליך רעגן, 70-75 גראד.**
**דאנערשטאג, מעגליך רעגן, 65-70 גראד.**
**פרייטאג, טיילווייז זוניג, 75-80 גראד.**
**שב"ק, מעגליך רעגן, 75-80 גראד.**

### עש"ק במדבר

| | הדה"נ | מוצ"ש | סוזק"ש |
|---|---|---|---|
| ניו יארק | 7:57 | 9:25 | 8:37 |
| קרית יואל | 8:00 | 9:28 | 8:37 |
| מאנסי | 7:59 | 9:27 | 8:37 |

### עש"ק נשא

| | הדה"נ | מוצ"ש | סוזק"ש |
|---|---|---|---|
| ניו יארק | 8:03 | 9:31 | 8:35 |
| קרית יואל | 8:06 | 9:34 | 8:35 |
| מאנסי | 8:05 | 9:33 | 8:35 |

# דער רעש איבער די שייטלען

הרב ישראל מ. סופר

די וואך פון פ׳ בה״ב שנת תשס״ד וועט אריין אין די היסטאריע פון כלל ישראל אלס א וואך וואס וועט זיין צום געדענקען אויף אייביג. ס׳איז שוין לאנג נישט געווען אזא התעוררות מיט איינמאל ביי גאנץ כלל ישראל אין אלע לענדער. אין די וואך איז כלל ישראל איבער די גאנצע וועלט געוואויר געווארן אז טייל זענען נכשל געווארן אין א שרעקליכן מכשול פון הנאה פון תקרובת ע״ז, אין וואס מ׳איז אריינגעפאלן די לעצטע צענדליג יארן אומוויסנדערהייט. עס איז די וואך באשטעטיגט געווארן דורך די גדולי הרבנים אין אר״י פון עדים נאמנים, אז א גרויסער טייל שייטלען וועלכע ווערן היינט באנוצט דורך פרויען, שטאמען פון די האר פון די הינדו סעקטע אין אינדיע, וואס זיי זענען מקריב זייערע האר צו זייער ע״ז, וואס עפ״י התורה איז עס אסור בהנאה, און מ׳איז עס מחויב מבער צו זיין פון די וועלט.

די האר וואס שטאמען פון אינדיע ווערן אריינגעמישט אויך אין שייטלען וועלכע ווערן פראדוצירט אין אנדערע לענדער, אין אייראפע און אין כינע. כלל ישראל איז אויפגעשוידערט געווארן פון דעם שרעקליכן מכשול פון אזא הארבן חטא ווי תקרובת ע״ז אין וואס מ׳איז דורכגעפאלן לאנגע יארן. גדולי הרבנים אין א״י און אין אמעריקא האבן ארויסגעגעבן אן איסור צו נוצן אלע שייטלען וואס האבן א חשש פון תערובת ע״ז, אפילו די סינטעטישע בלענד־שייטלען וואו עס קען ווערן אריינגעמישט פון ע״ז האר, ווייל תקרובת ע״ז ווערט נישט בטל אפי׳ באלף, כמבואר בשו״ע ס׳ ק״מ.

געלטער. פילע פרויען זענען צוליב בושה נישט געגאנגען צו די ארבייט און שאדן געהאט גרויסע געלטער צוליב אהבת השם, כדי נישט נכשל צו ווערן אין א חשש ע״ז. דאס איז א גרויסער קידוש שם שמים ברבים. אשריכם ישראל, אשריכם ישראל, אשר בכם בחר ק־ל.

נאך מער איז נתקדש געווארן שמו יתי׳ דורך די פילע נשים צדקניות אין אר״י, ספעציעל אין ירושלים, און אין אמעריקע און איבער די וועלט, וועלכע זענען געקומען צו די מסקנא אז אויב דער שייטל און פריזעט האט זיי צוגעברענגט צו אזא מכשול פון ע״ז, און מ׳מוז זיך איצט סיי ווי טוישן דעם לבוש, האבן זיי געמאכט דעם ריכטיגן חשבון הנפש אוועקצואווארפן אויב אייביג דעם שייטל און פריזעט און צוריקגיין צום אור־אלטן דרך פון די אמהות הק׳ און אויספאלגן דעם פסק פון היילגן דברי חיים זי״ע, אינגאנצן אויסצוטאן די שייטלען, אויך די סינטעטישע שייטלען. פילע הונדערטער נשים צדקניות האבן זיך אנגעטאן טיכלעך און שפיצלעך, כדרכי אמותינו הק׳ פון די פריערדיגע דורות. די נאכפראגע נאך שפיצלעך איז אזוי גרויס, אז די פראדוצירער פלאגן זיך עס נאכצוקומען.

אויך פון די פרויען וואס האבן נישט געקענט פועל׳ן ביי זיך אינגאנצן תשובה צו טאן, אינגאנצן אויסצוטאן די שייטלעך, האבן טויזנטער פרויען באשלאסן אוועקצואווארפן לכל הפחות די האר־שייטלען אויף אייביג, אפילו די וועלכע וועלן באקומען ״הכשירים״ פון רבנים, און אפילו אויב עווענטועל וועט עס נישט האבן קיין חשש ע״ז, האט עס אבער

השי״ת האט זיכער צוגעקוקט צום צער פון רבבות אידן איבער די וועלט אויפ׳ן מכשול בחטא הנאת תקרובת ע״ז, די קרבנות וואס אידישע פרויען האבן געברענגט דורכ׳ן אוועקווארפן די שייטלען, האט זיכער געברענגט א נחת רוח פאר השי״ת, ווי קרבנות אויפ׳ן מזבח. דאס איז זיכער געווען א קרבן כפרה פאר כלל ישראל.

עס איז זיכער אז די פרשה האט אנגעמאכט א גרויסן רעש אין הימל בגבהי מרומים. עס האט זיכער צוגעברענגט פאר מלאך מיכאל פילע מליצות ישרות אויף כלל ישראל. עס האט זיכער ערוועקט רחמי שמים, אז השי״ת זאל היטן עמו ישראל מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה, און ער זאל אונז שוין אויסלייזן מיט די גאולה השלימה והאמתית בב״א.

עס איז צו האפן אז די התעוררות לתשובה וועט ווייטער אנגיין, עס זאל נתרבה ווערן די נשים צנועות וואס טוען אויס די שייטלעך אינגאנצן. אפשר וועט דאס מקרב זיין די גאולה, ווי עס ווערט געברענגט אין ספר שם הכהן, אז הרה״ק ר׳ דוד׳ל מקשאנוב זי״ע האט זיך אמאל מתמרמר געווען פאר זיין ברודער הרה״ק משינאווא זי״ע בדמעות שליש, ווי אזוי וועט משיח קענען קומען, אויב אפילו ביי חסיד׳ישע אידן גייען זייערע ווייבער מיט שייטלען? היינט ווען אזוי פיל אידן האבן אויסגעטאן די שייטלען, וועט אפשר דער זכות פון די נשים צדקניות וואס האבן אויסגעטאן שייטלען מעורר זיין רחמי שמים אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה, אויף וואס

אראפקומען אן אתערותא דלעילא, אז דער רבש״ע וועט מבער זיין אלע גילולים מן הארץ, און וועט מבטל זיין אלע כתות ע״ז און כתות המינים ואפיקורסים פון דער וועלט, און דער כבוד שמים וועט נתגלה ווערן אויף אונז פאר די גאנצע וועלט, והי׳ ה׳ למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהי׳ ה׳ אחד ושמו אחד.

עס טאר אבער נישט זיין יצא שכרו בהפסידו. אויב האט מען מן השמים אונז מעורר געווען צו תשובה, טאר מען נישט מקלקל זיין דורך פריצות, צי דורך גילוי שער ביי די קרייזן וואס די פרויען שערן זיך נישט אפ די האר, און ווען זיי גייען מיט טיכלעך דעקט זיך אויף א חלק פון די האר ר״ל, און אויך דורך די וואס זענען מתיר די גאר טייערע ״יומען העיר״ שייטלעך פון אייראפע און אמעריקע, וואס זענען נאך מער גלייך צו אייגענע האר פונקט ווי ביי מיידלעך, וואס דאס איז א גרויסע פירצה ר״ל, אויסער די טייערע לוקסוס וואס דאס בוענגט.

איצט איז די צייט תשובה צו טאן א תשובת המשקל דורך אפלאזן אינגאנצן די שייטלעך, און אויסטאן די פריצות׳דיגע האר־שייטלען.

## תקרובת ע״ז

עס איז נישט דא דאס ארט אויפצוקלערן באריכות די איינצלהייטן פון די הינדוס ע״ז, און די הלכה׳דיגע שאלה וואס האט זיך אנטוויקלט דורך די האר, וואס דאס ווערט איצט באהאנדלט דורך די גדולי ישראל באר״י ובחו״ל. וואס דאס האט אונז

זייער אמונה טפלה איז די האר די חשוב׳סטע זאך פון א מענטש, זיי קאנטראלירן זייער גאנץ לעבן זייערע האר. זיי היטן עס צו פארשענערן שטענדיג. זיי שערן זיך קיינמאל נישט אפ נאר ווען זיי ברויכן עפעס א ישועה, מאכן זיי א נדר צו ברענגען זייערע האר אלס א מתנה פאר זייער אפגאט. ווען זיי ווערן געהאלפן דארט זענען זיי ״עולה רגל״ צו די טיפלה און זיי לאזן זיך דארט אפשערן די האר אלס דאנק פאר די ע״ז אויף זיינע טובות...

די געביידע וואו מ׳שערט די האר, איז הארט נעבן די געביידע וואו זייער אפגאט ״רוהט״. דארט איז אויפגעהאנגען גרויסע טאוולען אויף מערערע שפראכן, אויך אין ענגליש, אז דאס איז דאס ארט וואו מ׳ברענגט די האר אלס קרבן פאר׳ן אפגאט.

לויט זייערע אמונות טפלות זענען זיי מסביר פארוואס זיי זענען מקריב זייערע האר פאר׳ן אפגאט, ווייל זיי גלויבן אז דורכ׳ן מקריב זיין די האר באקומען זיי צוריק ברכות פון אים. זיי זוכן אויך אריינצוברענגען גרויסע געלטער פאר׳ן אפגאט, ווייל לויט זייער נארישע אמונה וואס זייערע גלחים האבן זיי איינגערעדט, האט דער הויפט אפגאט, א מאן, צוגעזאגט א גרויסן נדן פאר זיין כלה די ״אפגאטקע״, און ער האט דעריבער ארויסגענומען א גרויסע הלוואה וואס ער דארף באצאלן אין די נאענטע יארן, דעריבער זוכן זיי אריינצוברענגען פיל גאלד און זילבער פאר דעם אפגאט, כדי ער זאל קענען באצאלן זיין נדן. דאס ווערט היינט אויסגענוצט דורך די גלחים אויך מיט די האר, ווייל פון דעם פארדינט די קירכע מיליאנעז דאלארן

ווען א ספק צי עס האט א דין תקרובת ע"ז, איז זיכער אז מ'דארף מחמיר זיין ביי א ספק פון אזא איסור חמור ווי ע"ז, נישט צו גריבלען אויף סברות פון טרעפן התירים אויף האר וואס מ'האט מקריב געווען פאר די ע"ז.

לויט'ן רמב"ם (פ"ז מהל' ע"ז ה"ב), איז איינער וואס האט הנאה פון תקרובת ע"ז, עובר אויף צוויי לאוין, אויפ'ן לאו פון ולא תביא תועבה אל ביתך, און אויפ'ן לאו פון ולא ידבק בידך מאומה מן החרם, און באקומט צוויי מאל מלקות. לויט'ן רמב"ן (סה"מ מ"ע קצ"ב), לערנט מען ארויס דעם איסור הנאה פון פסוק השמר לך פן תכרות ברית וגו' וקרא לך ואכלת מזבחו. אויף יעדן פאל איז עס אן איסור חמור מה"ת, וואס איז לויט פילע פוסקים ביהרג ואל יעבור (יו"ד סי' קנ"ה ס"ה).

עס איז אויך אן איסור צו האלטן תקרובת ע"ז אין שטוב, ווי די תוה"ק ווארענט, ולא תביא תועבה אל ביתך, זאלסט נישט אריינברענגען קיין אומווירדיגקייטן אין דיין הויז. לויט רש"י אין מס' ע"ז (דף ל"ד, ד"ה מדרבנן), איז די מ"ע פון אבד תאבדון אויך געזאגט געווארן אויף תקרובת ע"ז, און מ'איז מחויב אויסצוראטן די ע"ז פון דער וועלט, עיי"ש. לויט ווי עס איז מבואר אין שו"ע (סי' קל"ג ס"א), איז מען מחויב צו בארדיגן אפילו זייער אש, ווייל אפילו די אש איז אסור בהנאה, כדין ביעור ע"ז בסי' קמ"ו.

תקרובת ע"ז האט הארבערע דינים ווי די ע"ז געטשקע אליין, כמבואר בשו"ע (סי' קל"ט ס"ב), אז דעם פסל פון ע"ז קען א גוי מבטל זיין, אבער תקרובת האט נישט קיין ביטול. דער תוי"ט (ע"ז פ"ג מ"ח) שרייבט, אז תקרובת ע"ז איז אויך הארבער פון ע"ז, מיט דעם וואס עס איז מטמא דעם מענטש ווען עס איז מאהיל אויף אים, פונקט ווי א מת. אין די פוסקים שטייט פארשידענע הלכה'דיגע הסברים צוליב וואס תקרובת ע"ז

---

## היות געוויסע פירמעס האבן אדווערטייזט אז זייערע שייטלען זענען נישט פון אינדיע זענען מיר מפרסם דעם דעת הרבנים הגאונים שליט"א אז

# דאס קען מען נישט וויסן.

וז"ל הגר"מ שטערנבוך שליט"א ראב"ד העדה החרדית בירושלים עיה"ק:

## ולא מועיל אמירת המוכר שאצלם אין מהודו (אינדיע) שכך הטעו אותם, רק צריך בירור יסודי ומקיף במקור וכדין טריפות.

וז"ל הרבנים הגאונים חברי הביד"צ דקהל יטב לב דסאטמאר:

## ואי אפשר לברר מהיכן הובאו.

## און בפרט אז די סוחרים אליין אין פריוואטע שמועסן זאגן אז מען קען נישט מברר זיין פון וואו עס קומט.

# וויכטיגער אויפקלערונג

**אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע התעוררות אין ענין פון שייטלען, ברענגען מיר אראפ די דברי הפוסקים דאס אפי' די מתירים אויף שייטלען, האבן בשום אופן נישט מתיר געווען די היינטיגע "יומען העיר" (HUMAN HAIR) און "קאסטום מעיד" (CUSTOM MADE) שייטלען און זיי זענען זיכער אסור לויט אלע פוסקים.**

**בספר מגן גבורים או"ח סי' ע"ה להגאון ר' יוסף שאול נאטענזאהן זצוק"ל:**

"דאס איז נאר געזאגט ביי א געווענליכע שייטל, אבער א שייטל וואס איז געמאכט פון מענטשליכע האר וואס מען האט אפגעשניטן און געמאכט דערפון א שייטל עס זאל אויסזען ווי אייגענע האר, איז עס זיכער אסור, לבוש.

**שו"ת חסד לאברהם אהע"ז סי' פ"ז:**

לענ"ד איז דא דערביי אן איסור דאורייתא. ווארים עס איז נישט קיין חילוק צו עס איז ממש אייגענע האר אדער פרעמדע האר וואס זעען אויס ווי אייגענע.

**[illegible] אהע"ז סי' ר"א:**

א שייטל וואס מען [illegible]

| | |
|---|---|
| שו"ת חסד לאברהם אהע"ז סי' פ"ז: | לענ"ד איז דא דערביי אן איסור דאורייתא. ווארים עס איז נישט קיין חילוק צו עס איז ממש אייגענע האר אדער פרעמדע האר וואס זעען אויס ווי אייגענע. |
| ישועות יעקב אהע"ז סי' כ"א: | א שייטל וואס מען דערקענט נישט צו עס איז אייגענע האר צו נישט, איז א פריצות און עס איז אסור אנצוטוהן. |
| שו"ת מהרי"ל דיסקין בקונטרס אחרון סי' כ"ג: | דווקא אויב עס איז קענטיג פאר יעדן אז עס איז נישט קיין אייגענע האר, אויב נישט איז עס זיכער אסור. |
| שו"ת הרי בשמים מהדו"ק סי' ל"ו: | כל שכן א שייטל וואס זעט אויס ווי אייגענע האר איז זיכער אז מען מוז מחמיר זיין. |
| שערי טוהר, בסופו: | כל שכן היינטיגע צייטן וואס מען פארדרעכט די האר פון דעם שייטל עס זאל אויסזען פונקט ווי אייגענע האר, אזוי ווי די אויסגעלאסענע, איז עס זיכער אסור מן התורה - אזוי ווי עס פסק'נט דער דברי חיים. |
| שו"ת מנחת אלעזר חלק ה' סי' ל"ה: | א שייטל וואס זעט אויס ממש ווי האר איז אסור מן התורה. |
| מחניך קדוש סי' ז': | די שייטלען מיט דינע האר אזוי ווי די אייגענע האר פון די פרוי, איז אסור לויט יעדן איינעם. |

# נייעס איבערזיכט פון דער וואך

(פארזעצונג פון זייט 3)

אזערבעיזשאן איז אומגעדולדיג און האלט אז דער איינציגסטער אויסוועג איז צו באנייען די קריג.

* * * * *

דרום אפריקע האט איינגעשטימט צו שענקן פאר בערטראנד אריסטיד, דער ארויסגעשטויסענער פרעזידענט פון הייטי, צייטווייליגע אזיל רעכט. דער באשלוס איז געקומען עטליכע טעג נאכדעם וואס דרום אפריקע האט באקומען אן אפיציעלע ביטע פון ארסיטיד, און נאך א היציגע דעבאטע אין וואס די אפאזיציע פארטייען האבן שארף פארדאמט אזא שריט.

א רעגירונג ווארטזאגער האט באצייכנט דעם שריט אלס צייטווייליג, ביז דער צושטאנד אין הייטי וועט זיך סטאביליזירן. ער האט נישט געוואלט נוצן דאסווארט "אזיל רעכט", אבער אנאליטיקער זאגן, אז עס איז פאקטיש אן אזיל רעכט. זיי ווייזן אויך אן, אז וואס האט איבערגעוואויגען די רעגירונג פון פרעזידענט מעבעקי איז זיין מיינונג אז אריסטיד איז אומלעגאל באזייטיגט געווארן פון די מאכט.

פאר דרום אפריקע טראגט הייטי אויך פיל סימבאליזם. הייטי איז געווען די ערשטע שווארצע רעגירענדע רעפובליק, און כאטש עס איז קיינמאל נישט געווען קיין סטאביליזירט לאנד, מוז מען זיך רעכענען מיט איר געשיכטע.

* * * * *

כדי צו רעדוצירן די לאנגע רייעס פאר פאסאזשירן, האט די רעגירונג אויפגענומען מער זיכערהייט "סקרינערס" פאר צענדליגער לופטפעלדער, אריינגערעכענט קענעדי עירפארט אין ניו יארק, נוארק ליבערטי עירפארט אין ניו דזשוירזי, דאלאס־פארטווארט אין טעקסאס. אנדערע לופטפעלדער, וועלכע האבן צופיל סקרינערס, וועלן פארלירן טייל פון זייערע סקרינערס.

די טראנספארטאציע זיכערהייט אדמיניסטראציע ("טי. עס. עי.") זאגט, אז מען פרובירט נאך צוצושטעלן די נויטיגע צאל סקרינערס אין די 445 קאמערציאלע לופטפעלדער, אז אלעס זאל קלאפן פאר דעם "ביזי" זומער רייזע סעזאן, ווען מען ערווארט 65 מיליאן פאסאזשירן יעדן מאנאט, 12 פראצענט מער ווי אין פריערדיגן זומער.

דאס איז צום דריטן מאל וואס די "טי. עס. עי." וועט ארומטוישן סקרינערס זינט זי האט באשטימט די סקרינערס אין יעדן לופטפעלד נאוועמבער 19, '02. פריערדיגע ענדערונגען זענען געקומען ווען קאנגרעס האט רעדוצירט די צאל פול־טיים סקרינערס וואס די אגענטור קען באשטימען, פון 60,000 צו 45,000.

* * * * *

דער פרעזידענט פון דרום קארעא האט זיך אנטשולדיגט פאר דעם טומל וואס איז פאראורזאכט געווארן אין לאנד מיט דעם דורכגעפאלענעם פארזוך דורך די אפאזיציע, אים צו באזייטיגן, און ער האט פארשפראכן אז ער וועט זיך איצט מער פלייסן אויפצולעבן זיין לאנד'ס עקאנאמיע, און צו פארלייכטערן די אנגעצויגנקייט וואס הערשט מיט די קאמוניסטישע צפון קארעא.

דער פארלאמענט האט "אימפיטשט" (אנגעקלאגט) פרעזידענט ראו מו היאן אין אפריל, צוליב א מינדערוויכטיגע וואל געזעץ פארלעצונג, און אויך אז ער איז אומקאמפעטענט און ער קען נישט קאנטראלירן די קארופציע. דאס קאנסטיטוציאנאלע געריכט האט אבער ארויסגעווארפן די אנקלאגע, זאגנדיג אז ראו איז בלויז שולדיג אויף די וואל פארלעצונג, און דאס איז נישט גענוג אן ערנסטער פארברעכן וואס זאל בארעכטיגן צו באזייטיגן אים פון אמט.

אין זיין ערשטע רעדע נאכ'ן צוריקגעשטעלט ווערן צו זיין פרעזידענט אמט, האט ראו, וועלכער האלט אין ערשטן יאר פון זיין פינף יעריגן טערמין, זיך אנטשולדיגט, אז כאטש די קלאגעס זענען נישט געווען גענוג שטארקע צו בארעכטיגן אים צו אימפיטשן, אנערקענט ער אבער אז ער קען זיך נישט אפשאקלען פון די מאראלישע און פאליטישע אחריות, איבערהויפט אויף די קארופציע וואס איז באגאנגען געווארן דורך עטליכע פון זיינע הויפט געהילפן.

* * * * *

אין צוזאמענהאנג מיט די פייערונגען וואס ווערן פלאנירט אפצוצייכענען די ענדע פון דער צווייטער וועלט מלחמה, און דעם 60'טן יארטאג פון די אליאירטע אינוואזיע אין נארמאנדי, וואס האט געברענגט דעם דייטשן דורכפאל, קומען אלץ אפיר אינטערעסאנטע געשיכטעס און אויפדעקונגען איבער יענע גורל'דיגע צייטן. צ.ב.ש., איין געוועזענער דייטשער אפיציר האט לעצטענס דערציילט פון אן אויסערגעוועגליכן פלאן וואס די דייטשן האבן געהאפט אז דאס וועט זיי ראטעווען ווען זיי האבן שוין געזען אז די ענדע דערנענטערט זיך, נעמליך, אריינצודרינגען אין די אמעריקאנער ארמיי, און פרובירן צו פארכאפן דעם הויפט גענעראל אייזנהאוער, און אויב מ'וועט דאס נישט קענען, זאל מען

די טשעכישע פאליציי פארשט איצט די פארשוועכונג פון א שוהל אין קארנאוו, וואס איז בלויז דער פרישסטער אינצידענט נאך א רייע אנטיסעמיטישע אינצידענטן וואס זענען פארגעקומען אין לאנד, לעצטענס. עס גייט.אזוי ווייט, אז אין נאוועמבער האבן די אנטיסעמיטן ארויפגעשפריצט פעינט אויף די וואנט פון א קירכע אין אסטראווא, מיט די לאזונג: אידן צו די גאז קאמערן. דאס איז געקומען נאך די פארשוועכונג פון א אידישן געדענקמאל אין יענע שטאט, וואס איז פארשמירט געווארן מיט נאצי סימבאלן.

קיינער איז דערווייל נישט ארעסטירט געווארן פאר יענע אנטיסעמיטישע אינצידענטן.

* * * * *

# דער רעש איבער די שייטלען

(פארזעצונג פון זייט 54)

חלק ניכר פונעם ציבור זאל זיך צוריקקערן צום אלטן אידישן וועג, און זאלן זיך פירן לויט די הוראות פון ד"ח, וחפץ ה' בידו הצליח עכ"פ במקצת.

איצט איז מן השמים געקומען א געלעגנהייט פאר בנות ישראל, מ'זעט אז ס'איז דא הונדערטער אידישע פרויען וועלכע זענען נתעורר געווארן פון די לעצטע געשעענישן, און אין אר"י האבן פילע פולשטענדיג אוועקגעווארפן די שייטלען און אנגעטאן טיכלעך, און אויך אין אמעריקע האבן הונדערטער זיך אנגעטאן שפיצלעך. מיר קענען נישט אפשאצן דאס גרויסע התעוררות רחמים וואס קומט דורך דעם אין הימל לטוכתן של ישראל.

## משיח'ס צייטן

עס ווערט געברענגט אין ספר דכרי חנה (דף ק"צ), בשם הרה"ק רבי יעקב מפשעווארסק זצ"ל, אז דער הייליגער קאלאשיצער רב זי"ע האט אמאל געהערט אז א איד האט א שידוך געטאן און די כלה וועט נישט אנטאן קיין שייטל. איז דער קאלאשיצער רב געווען זייער בשמחה און האט געזאגט פאר זיין רביצין, ב"ה ווען משיח וועט קומען וועט ער האבן זיין מנין! די דאזיגע משפחות אָן די שייטלען וועלן זיין פון משיח'ס מנין.

לאמיר האפן אז משיח'ס מנין וועט וואקסן און בליען מיט פיל מער אידישע משפחות ההולכים בדרכי הצניעות, און עס זאל נתרבה ווערן רבבות אלפי ישראל וועלכע פירן זיך בדרכי הצניעות כפי הוראות רבוה"ק, זכאין כד תהון בהדא חבורתא, ובזכות נשים צדקניות האפען מיר אז מיר וועלן שוין כקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה. אזוי ווי די אידן זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים בזכות נשים צדקניות, וועלן מיר בזכותם זוכה זיין אויך צו די גאולה העתידה, כמבואר במדרש תהלים עה"פ יברך את בית ישראל, בית יעקב אלו הנשים, גאנץ כלל ישראל ווערט געבענטשט אין זכות פון די נשים צדקניות, ובזכותם וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, דאן וועט פולשטענדיג מקויים ווערן, והאלילים כליל יחלוף, און עס וועט נתגלה ווערן כבוד מלכותו ית"ש עלינו ועל כל ישראל בב"א.□

טן פאר די דייטשן, מ'האט זיי מען אויסגעטיילט פאר די דייטשן

ווארן פון דעם שרעקליכן מכשול פון אזא הארבן חטא ווי תקרובת ע"ז אין וואס מ'איז דורכגעפאלן לאנגע יארן. גדולי הרבנים אין א"י און אין אמעריקע האבן ארויסגעגעבן אן איסור צו נוצן אלע שייטלען וואס האבן א חשש פון תערובת ע"ז, אפילו די סינטעטישע בלענד־שייטלען וואו עס קען ווערן אריינגעמישט פון ע"ז האר, ווייל תקרובת ע"ז ווערט נישט בטל אפי' באלף, כמבואר בשו"ע ס' ק"מ.

## מי כעמך ישראל

פון די אנדערע זייט האט זיך אין די וואך אבער ארויסגעזען דער באדייט פון מי כעמך ישראל גוי קדוש. ווען אידישע טעכטער איבער דער וועלט האבן געהערט אז זיי האבן אויף זיך א נדנוד חשש ע"ז, זענען זיי אויפגעציטערט געווארן. טויזנטער אידישע פרויען, אפילו פון שוואכערע קרייזן אין אר"י, האבן אוועקגעווארפן זייערע שייטלען, און עס אפילו פארברענט, און אזוי ווי עס איז נישט געווען צו באקומען באלד גענוג פון די סינטעטישע שייטלען, זענען טויזנטער פרויען ארויסגעגאנגען מיט טיכלעך, כדי נישט נכשל צו ווערן מיט דעם חשש ע"ז החמורה. אין ירושלים עיה"ק האבן פיל פרויען אויסגעטאן די שייטלען אויף אייביג, און אנגעטאן טיכלעך כמסורת ירושלים.

ווען די שמועות זענען אנגעקומען קיין חו"ל, האבן די רבנים גע'אסר'ט די שייטלען, און טויזנטער אידישע טעכטער האבן מבער געווען די ע"ז פון זייער הויז, כאטש דאס האט אפגעקאסט טויזנטער דאלארן. זיי האבן מיט שמחה פארברענט די שייטלען. אידישע קינדער האבן מקיים געווען וואס מיר זאגן אין ק"ש, ואהבת את ה"א בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך. צוליב אהבת ה' האבן זיי שאדן געהאט געלט, און געליטן בושות מיט מוותר זיין אויפ'ן לבוש. אידן האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם, מ'האט מוותר געווען אויף שווערע איז אזוי גרויס, אז די פראדוצירער פלאגן זיך עס נאכצוקומען.

אויך פון די פרויען וואס האבן נישט געקענט פועל'ן ביי זיך אינגאנצן תשובה צו טאן, אינגאנצן אויסצוטאן די שייטלעך, האבן טויזנטער פרויען באשלאסן אוועקצווארפן לכל הפחות די האר־שייטלען אויף אייביג, אפילו די וועלכע וועלן באקומען "הכשירים" פון רבנים, און אפילו אויב עווענטועל וועט עס נישט האבן קיין חשש ע"ז, האט עס אבער ווייטער דעם איסור פון ג"ע. עס איז א מלבוש פריצות, וואס איז גע'אסר'ט פון גדולי ישראל מאז ומקדם. פילע טויזנטער האבן אנגעטאן סינטעטישע שייטלעך, כאטש ס'איז נישט קיין פארגלייך אין אויסזען און באקוועמליכקייט צו די האר־שייטלעך.

דוכט זיך אז אזא גרויסער קידוש שם שמים איז שוין זייער לאנג נישט פארגעקומען אויף דער וועלט. דאס איז דער גרעסטער באוויז אז ישראל קדושים הם, און אז אידישע קינדער זענען שומעים לקול הורים ומורים, בפרט ווען זיי שפירן א חשש פון נדנוד ע"ז החמורה זענען זיי גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר די תוה"ק. דאס איז א לימוד זכות אויף אנדערע ענינים, וואס אויב אלע רבנים וואלטן משמיע געווען דעם דעת תורה אז ס'איז עבודה זרה, וואלטן זיך אידן פורש געווען דערפון.

אין בארא פארק איז געווען א מעשה מיט א איד, וואס זיין ווייב א שייטל מאכער האט פארדינט א סאך געלט דורך די ע"ז שייטלען פון אינדיע, און דער איד האט פונעם געלט געקויפט א טייערן 20,000 דאלאר'דיגן "וועו". די פארגאנגענע וואך, ווען דער בירור אויף די ע"ז שייטלען איז באוואוסט געווארן, האט דער איד צוליב צער אויפ'ן הנאה פון תקרובת ע"ז מיט וואס ער האט געקויפט זיין וועו, אונטערגעצינדן דעם טייערן וועו אין פלאמען פייער, צו פארניכטן די נכסי ע"ז! הוי, מי כעמך ישראל גוי קדוש!

האט זיך אמאל מתמרמר געווען פאר זיין ברודער הרה"ק משינאווא זי"ע בדמעות שליש, ווי אזוי וועט משיח קענען קומען, אויב אפילו ביי חסיד'ישע אידן גייען זייערע ווייבער מיט שייטלען? היינט ווען אזוי פיל אידן האבן אויסגעטאן די שייטלען, וועט אפשר דער זכות פון די נשים צדקניות וואס האבן אויסגעטאן שייטלען מעורר זיין רחמי שמים אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה, אויף וואס כלל ישראל לעכצט אזוי שטארק.

עס איז אויך מעגליך אז עס וועט אונז ביישטיין דער זכות פון מצות ביעור ע"ז וואס אידן האבן מקיים געווען, ווען טויזנטער אידן איבער די גארער וועלט האבן פארברענט די שייטלען. ביעור ע"ז איז אין די היינטיגע צייטן א מצוה וואס איז נישט אזוי שכיח. דער יצרא דע"ז איז דאך בטל געווארן דורך די אנשי כנה"ג. די הינדוס זענען פון די איינציגע עוע"ז סעקטעס וואס זענען נאך געבליבן אויף די וועלט פון די אלטע געצנדינערס פון די אור־אלטע פעלקער, און דורך זיי איז ארויסגעקומען אזא מכשול פאר כלל ישראל. פון דעם האט די ע"ז געצויגן א יניקה. איצט וועט אפשר די ע"ז שוין פולשטענדיג בטל ווערן בעז"ה.

אפשר דערנענטערט זיך שוין די צייט ווען עס וועט פארווירקליכט ווערן די נבואה "והאלילים כליל יחלוף". עס וועט בטל ווערן אלע אפגעטער אין דער וועלט, און עס וועט נתגלה ווערן כבוד שמו ית' בעולם, ווי מיר בעטן יעדן טאג אין די תפלה עלינו לשבח, און אין די תפילות המוספין פון די הייליגע טעג, ועל כן נקוה לך ה"א לראות מהרה בתפארת עוזך, להעביר גילולים מן הארץ והאלילים כרות יכרתון לתקן עולם במלכות ש' וכו'. דער ביעור תקרובות אלילים האט זיכער ערוועקט תפלות ישראל, וואס מ'איז מתפלל פאר'ן ביטול האלילים. אפשר וועט דורך די אתערותא דלתתא וואס אידן האבן די טעג מקיים געווען אזוי פיל ביעור ע"ז, גאנצן די שייטלעך, און אויסטאן די פריצות'דיגע האר־שייטלען.

## תקרובת ע"ז

עס איז נישט דא דאס ארט אויפצוקלערן באריכות די איינצלהייטן פון די הינדוס ע"ז, און די הלכה'דיגע שאלה וואס האט זיך אנטוויקלט דורך די האר, וואס דאס ווערט איצט באהאנדלט דורך די גדולי ישראל באר"י ובחו"ל, וואס דאס האט אונז געצוואונגען אפירצונעמען די הלכות ע"ז, אין וואס מ'איז נישט געווען אזוי שטארק באהאווענט, ווייל עס איז נישט געווען אזוי שכיח צווישן אונז. די גדולי ההוראה וועלן זיכער ארויסגעבן זייער פסק להלכה למעשה אויף די אלע פארוויקלטע שאלות פון הנאת תקרובי ע"ז וחילופי ע"ז וואס זענען נאסר בהנאה, און די שאלות פון תערובות ע"ז, ביעור ע"ז, וכו' וכו'. מיר וועלן דא בלויז אויפ'ן שפיץ גאפל באשרייבן עטליכע פרטים פונעם ענין וואס איז באקאנט געווארן דורך חקירות ודרישות פון מענטשן וואס פארשן שוין דעם ענין עטליכע יאר, און פון געוויסע דאקומענטן.

עס לעבן היינט אויף דער וועלט איבער אכט הונדערט מיליאן הינדוס, רוב פון זיי אין אינדיע, וועלכע גלויבן אין זייער אפגאט. זיי זענען נישט בלויז אין אינדיע, נאר זיי זענען פארשפרייט אין פארשידענע מזרח לענדער ווי אויך אין אייראפע און אין אמעריקע, וועלכע זענען "עולה רגל" צו זייער פארהייליגטע שטאט טירופאטי וואס לויט זייער אמונה טפלה איז דארט זייער אפגאט. זיי האבן דארט זייער תיפלה וואס אנטהאלט מערערע בנינים, וואו זיי זענען מקריב פארשידענע קרבנות צו זייערע אפגעטער. אינעם צענטער איז די צענטראלע געביידע וואו זיי האלטן זייערע אפגעטער, וואס לויט זייערע אמונות טפלות באקומען זיי פון זיי "ברכות" און "ישועות" דורך די קרבנות און מתנות וואס זיי געבן פאר די ע"ז.

איינע פון די הויפט קרבנות ביי די הינדוס איז זייערע האר. לויט האט דער הויפט אפגאט, א מאן, צוגעזאגט א גרויסן נדן פאר זיין כלה די "אפגאטקע", און ער האט דעריבער ארויסגענומען א גרויסע הלוואה וואס ער דארף באצאלן אין די נאענטע יארן, דעריבער זוכן זיי אריינצוברענגען פיל גאלד און זילבער פאר דעם אפגאט, כדי ער זאל קענען באצאלן זיין נדן. דאס ווערט היינט אויסגענוצט דורך די גלחים אויך מיט די האר, ווייל פון דעם פארדינט די קירכע מיליאנען דאלארן דורכ'ן פארקויפן די האר פאר די שייטל פאבריקן איבער דער וועלט. אמאל פלעגן זיי אוועקווארפן די האר, היינט אבער האבן די גלחים אויך די פארדינסטן אריינגענומען אין די עבודה פון די האר.

די אינדיאנער שייטלען זענען היינט פון די מערסטע פארשפרייטע האר איבער די וועלט, ווייל פון זיי איז דא צו באקומען די מערסטע האר. לויט אפשאצונגען קומען אומגעפער 25,000 מענטשן טעגליך זיך שערן די האר פאר די ע"ז. דאס איז פון גרעסטן מקור פון די שייטל פראדוקציע איבער דער גארער וועלט, און ס'איז ביליגער פון די אמעריקאנער און אייראפעער האר.

די אינדיאנער האר זענען אויך פון א גוטע קוואליטעט, ווייל די הינדוס ארבעטן זייער גאנץ לעבן אז עס זאל זיך האלטן שיין. דעריבער קומט א גרויסער פראצענט פון די אינדיאנער האר געמישט אויך צווישן די פאבריקן אין אייראפע, פון וואו עס שטאמען די טייערערע שייטלען, און אפילו אין כינע אין קארעא, פון וואו עס שטאמען די ביליגערע שייטלען מישן זיי אריין אינדיאנער האר. אפילו די סינטעטישע בלענד שייטלען אנטהאלטן א געוויסע פראצענט פון די האר. אמאל איז פון כינע געקומען די מערסטע האר, צוליב די דארטיגע ארעמקייט האבן זיי פארקויפט זייערע האר.

עס איז וויכטיג צו וויסן אז עס איז זייער שווער פעסטצושטעלן מיט א זיכערקייט וועלכע סארט

(פארזעצונג אויף פאלגענדע זייט)

# דער רעש איבער די שייטלען

(פארזעצונג פון פריערדיגע זייט)

שייטלען עס זענען אויסגעהיטן פון דעם פראבלעם, ווייל עס קומען פאר ביי די פאבריקן פון אייראפע אויסגעוועלנליכע שווינדלערייען. זיי פארלייקענען דעם מקור פון די האר, ווי עס איז באשטעטיגט גע־ווארן דורך מערערע אויספארשונגען. פלוצלינג איז היינט אויסגעוואקסן אזוי פיל האר פון אייראפע און פון אנדערע לענדער. די גוים האבן זיכער נישט קיין נאמנות, ווען זיי זאגן אז זייערע האר איז ריין פון אינ־דיאנער האר, וואס ביז לעצטענס פלעגן זיי זאגן פארקערט, להשביח מקחם.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז אויך די אידישע סוחרים וועלכע פארדינען געלט דערפון זענען נישט באגלייבט ווען זיי האבן גרויסע נגיעות.

לויט'ן דעת פון די גדולי ההוראה, האט די שייטלען א דין פון תקרובת ע"ז. לויט ווי עס איז מבואר אין מס' ע"ז (דף נ"א) און אין שו"ע יו"ד (סי' קל"ט), איז יעדע זאך וואס מ'איז מקריב פאר די ע"ז, אסור בהנאה. אויב עס איז ענליך צו אן עבודה וואס מ'טוט אין ביהמ"ק, ווי שחיטה, האט עס א דין ווי עס איז גע'שחט'ן געווארן פאר די ע"ז, וואס לויט דעם איז דאס שניידן פון די האר ענליך צו די עבודה פון זביחה פאר די ע"ז. דעריבער איז עס עפ"י הלכה אסור בהנאה מדין תקרובת ע"ז.

אפילו אויב עווענטועל וואלט גע־ווען א ספק צי עס האט א דין תקרובת ע"ז, איז זיכער אז מ'דארף מחמיר זיין ביי א ספק פון אזא איסור חמור ווי ע"ז, נישט צו גריבלען אויף סברות פון טרעפן התירים אויף האר וואס מ'האט מקריב געווען פאר די ע"ז.

לויט'ן רמב"ם (פ"ז מהל' ע"ז ה"ב), איז איינער וואס האט הנאה פון תקרובת ע"ז, עובר אויף צוויי איז הארבער ווי ע"ז, און עס העלפט נישט קיין ביטול.

עס איז מערקווירדיג וואס דער פרישה (סי' קל"ט סק"ד), ברענגט פון מהרש"ל א טעם עפ"י קבלה, ווייל די תקרובת ע"ז באקומט גלייך אויף זיך א רוח הטומאה, וואס איז אוממעגליך מבטל צו זיין.

לויט דעם אלעם כאפט פשוט א שוידער ווען מ'באטראכט אין וואס פארא מכשול אידישע קינדער זענען נעבעך אריינגעפאלן דורך די שייטלען וועלכע האבן א דין פון תקרובת ע"ז, וואס עס רוהט אויף דעם א רוח הטומאה ערגער ווי אויף א געטשקע. עס איז מטמא דעם מענטש. ווער ווייסט וויפיל פראבלעמען ברוחניות ובגשמיות די טומאה פון די שייטלען האבן חלילה פאראורזאכט פאר אידישע קינדער רח"ל, ווען אידישע פרויען האבן עס געטראגן אויפ'ן קאפ. עס איז טא־קע געווען א מכשול בשוגג והוא רחום יכפר עון, אבער אפילו א שוגג פון אזא עבירה ווי ע"ז איז אויך געפערליך. עס כאפט פשוט א ציטער פון די שאדנס וואס די רוחות הטומאה האבן מעגליך פאראורזאכט אויף אידישע קינדער, און ווער קען דען אפשאצן וויפיל פורעניות רח"ל מיר האבן צוליב דעם געליטן?

עס איז צו האפען אז דער גרויסער קרבן וואס אידישע פרויען זענען איצט מקריב לכבוד שמו ית' מיט אוועקווארפן די טייערע שיי־נע האר־שייטלען, טראץ די אומאנ־גענעמליכקייטן וואס דאס האט זיי פאראורזאכט, און טראץ די געלט שאדנס וואס דאס ברענגט זיי, דער דאזיגער "קרבן" וועט זיכער מכפר זיין אויפ'ן חטא פון הנאה פון "תקרובת" ע"ז אין וועלכן מיר זענען נכשל געווארן בלא יודעים ר"ל. והוא רחום יכפר עון ולא ישחית, וגו'.

## די פראבלעמען פון שייטלען בכלל

מיר דארפן אבער מאכן א טי־פן חשבון הנפש, ווי אזוי האט געקענט צוקומען דערצו אז אידי־שע פרויען זענען אריינגעפאלן אין אזא שרעקליכן מכשול? השי"ת היט דאך זיין פאלק, ולא יאונה לצדיק כל און, פארוואס איז דער מכשול ע"ז נישט פארמיטן געווארן פון כלל ישראל?

עס איז זייער מעגליך אז מיר זענען זיך אליין שולדיג, מיט דעם וואס דער גרעסטער חלק פון פאלק האט זיך פארלאזט אויף היתרים אין דעם איסור פון פאה נכרית קעגן דעת פון רוב פוסקים וועלכע אסר'ן אלע סארטן פאה נכרית, ווי עס איז די דעה פון רוב גדולי האחרונים, כמבואר בשו"ת דברי חיים ח"ב (יו"ד סי' נ"ט).

עס איז וויכטיג צו וויסן אז אמאליגע צייטן איז רובא דרובא פון כלל ישראל בכלל נישט גע־גאנגען אין קיין שייטלען, נאר מיט טיכלעך ארומגעבינדן דעם פנים. מ'קען דאס זען פון די פילע בילדער וועלכע זענען צונויפגעקליבן געווארן אין עולמות של טוהר, פון אידישע פרויען אין מערערע לענדער איבער די וועלט ווי אלע זענען געגאנגען

(פארזעצונג אויף פאלגענדע זייט)

# זייט געווארנט

היות געוויסע פירמעס האבן אדווערטייזט אז זייערע שייטלען זענען נישט פון אינדיע זענען מיר מפרסם דעם דעת הרבנים הגאונים שליט"א אז